



# יאנוש דער רוצח

שטילערהייט כאפן זיי זיך אריין איינער נאך די אנדערע איינזעלווייז אז מען זאל זיי נישט באמערקן. יאנוש די הויפט פון די חבורה דרייט זיך ארום אין בונקער מיט א שמייכל "יא! מיר האבן זיי באזיגט!" זייט די פאליציי איז ארויפגעגאנגען אויף די שפורן פון די חבורה און פארשפארט זייערע גרויסע צענטער – וואס פלעגט מטיל אימה זיין אויף די גאנצע שטאט דורך זייערע שטילע רציחה מיט א סיילענט גאן – האבן זיך די חבורה צוזאמען גענומען און קלענערע גרופעס און אזוי ארויס געשיקט און דורכגעפירט זייערע אטאקעס. יאנוש מיט די חבורה רוצחים האבן זיך געפרייט אז זיי האבן אינטערגעשפיצלט די פאליציי. איין טאג האט יאנוש, זייענדיג פארנומען מיט זיך פרייען מיט זיין זיג, בטעות ארויס געשאסן מיט זיין סיילענט גאן און אומגעברענגט זינע חברים. ה"י.

טייערע אינגערמאן!! זיי נישט קיין יאנוש!! יא! דו וואס די מאכסט א מנין ביי דיר אין חצר, על אף די הוראות פון די ממשלה אז מען זאל זיך נישט צוזאמען נעמען מער ווי צוויי אירע אויף א מאל, דו ביסט א קאלטבלוטיגע רוצח! דו מיינסט אז דו האסט אויס געשפילט די פאלציי? בשעת וואס עס קען רואיג זיין אז דו שיסט דיך אליין, דיינע קינדער און דיינע חברים.

**אל תצדק הרבה! שמע להוראות הרבנים!**

**בלייב אינדערהיים און דאווען ביחידות!!**

